# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת דברים, שבת חזון, ח' אב, שנת תשפ"ה לפ"ק

שנה 14, גליון 45 (713)


**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות.................7:52
מוצאי שב"ק...................9:22

**שיעורים כסדרן**

נ"ך.......................משלי כ"ג-כ"ד
בבלי.................עבודה זרה מ"ה
ירושלמי..................כתובות ל"ז
תוספתא..............עבודה זרה ו'
רמב"ם........................שכנים ה'

# אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְהָעִיר "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" וְעַד הַגִּלְעָד, לֹא הָיְתָה קִרְיָה אֲשֶׁר שָׂגְבָה מִמֶּנּוּ. דִי וֶוערְטֶער "אֲשֶׁר בַּנַּחַל", הָאבְּן אוֹיף זִיךְ דִי טְרָאפְּן 'מְהַפֵּךְ פַּשְׁטָא', וָואס קוּמְט דָאס מְרַמֵּז זַיין?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קד) אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט דִי פָּשׁוּטֶ'ע עֲבוֹדוֹת פוּן פָּשׁוּטֶ'ע עֶרְלִיכֶע אִידְן, דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט דִי וָואס זָאגְן אַסַאךְ תְּחִנּוֹת אוּן בַּקָּשׁוֹת וָואס זֶענֶען גֶעדְרוּקְט אִין דִי גְרוֹיסֶע סִדּוּרִים, אַזוֹי וִוי דִי פָּשׁוּטֶ'ע מֶענְטְשְׁן פִירְן זִיךְ. דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע לִימּוּד פוּן רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט 'פַּשְׁטוּת'; רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְן 'לְשֵׁם יִחוּד'ס אוּן 'יְהִי רָצוֹן'ס.

צוּם בֵּיישְׁפִּיל פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי זַיין זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זִינְגֶען נִישְׁט קַיין זְמִירוֹת שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת אוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת בַּיי מְלַוֶּה מַלְכָּה, אוּן טוּעֶן נִישְׁט אַנְדֶערֶע פָּשׁוּטֶ'ע עֲבוֹדוֹת, זֵיי הַאלְטְן זִיךְ קְלוּגֶער פוּן דֶעם. אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט: 'עֶס אִיז אַ שָׁאד צוּ זִינְגֶען זְמִירוֹת, אִיךְ קֶען דָאךְ אִין דִי צַייט עֶנְדִיגְן מַיינֶע שִׁיעוּרִים, חוּמָשׁ אוּן מִשְׁנַיוֹת', אָבֶּער דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט פָאְרהַאלְטְן "פַארְוָואס זִינְגְסְטוּ נִישְׁט קַיין זְמִירוֹת?"

אַסַאךְ מָאל וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ אַ 'בֵּייזֶער לַמְדָן', זַיין לֶערְנֶען וֶוערְט אַ נֶערְווֹן זַאךְ, עֶר כַאפְּט אַרַיין יֶעדֶע מִינוּט אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען, אִינְמִיטְן קְרִיאַת הַתּוֹרָה אוּן אִינְמִיטְן זִינְגֶען זְמִירוֹת... אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת אִיז טַאקֶע אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זַאךְ, אָבֶּער זִינְגֶען זְמִירוֹת אִיז מֶער פוּן עֶנְדִיגְן מִשְׁנַיוֹת! וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט זִינְגֶען זְמִירוֹת, קֶענְסְטוּ גֵיין אִין אַ זַייט לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת.

דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז זִיךְ פִירְן פָּשׁוּט אָן קַיין חָכְמוֹת, מִיט תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת - וִוי אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִיד. דֶער רֶבִּי אַלֵיין פְלֶעגְט זִינְגֶען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ זְמִירוֹת יֶעדְן שַׁבָּת אוּן יֶעדְן מוֹצָאֵי שַׁבָּת.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט זֵייעֶר אַ שֵׁיין וָוארְט פוּן אַ בָּחוּר, דֶערִיבֶּער זֶענֶען דִי טְרָאפְּן 'מְהַפֵּךְ פַּשְׁטָא' אוֹיף דִי וֶוערְטֶער "אֲשֶׁר בַּנַּחַל", וַוייל דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע לִימּוּד פוּן סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל': "מְהַפֵּךְ" - עֶר דְרֵייט דִיךְ אִיבֶּער, "פַּשְׁטָא" - זָאלְסְט זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט פַּשְׁטוּת! פְרֵיי זִיךְ מִיט דַיין תְּפִילִין, פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ הִיטְסְט שַׁבָּת, פְרֵיי זִיךְ מִיט דַיין צִיצִית, פְרֵיי זִיךְ מִיט דַיין מְזוּזָה, פְרֵיי זִיךְ מִיט דַיין אִידִישְׁקֵייט. אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶר דַארְף טוּן עֶפֶּעס שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן, וֶוען עֶר נֶעמְט דֶעם סֵפֶר 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' וֶוערְט אִים לִיכְטִיג פַאר דִי אוֹיגְן, עֶס דְרֵייט אִיבֶּער דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל זִיךְ אָנְהֵייבְּן פְרֵייעֶן מִיט פַּשְׁטוּת יַהֲדוּת.

וֶוען עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט דֶעם וָוארְט הָאבּ אִיךְ זִיךְ גְלַייךְ דֶערְמַאנְט פוּן דֶעם תּוֹרָה פוּן רֶבִּי'ן, וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט דָא: "**כִּי עִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא בִּפְשִׁיטוּת וּבִתְמִימוּת גָּמוּר, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת**", וָואס אִיז אִידִישְׁקֵייט? תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת!

עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵייעֶר נַאטוּר אִיז תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן מִיט אַ דְרֵיי־קָאפּ, אָבֶּער דִי סָארְט מֶענְטְשְׁן קֶענֶען אוֹיךְ פָאלְגְן וָואס עֶס שְׁטֵייט דָא; אִין וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן וֶועל אִיךְ נִיצְן חָכְמוֹת, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ לֵייגְן תְּפִילִין, צוּם דַאוֶונֶען, צוּ זִינְגֶען זְמִירוֹת, צוּ קִידּוּשׁ לְבָנָה, צוּ זָאגְן אַ לְשֵׁם יִחוּד, אַ יְהִי רָצוֹן, אוּן צוּ זָאגְן אֵיכָה– וֶועל אִיךְ עֶס זָאגְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אָן קַיין חָכְמוֹת.

וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת? דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר, אִיךְ וִויל דִיר דִינֶען בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת; אִיךְ וִויל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט אַלֶע מִצְוֹת וָואס אִיךְ טוּ, מִיט מַיין תְּפִילִין, מַיין דַאוֶונֶען, מַיין מְזוּזָה, מַיינֶע בְּרָכוֹת, מַיין עֶסְן כָּשֵׁר'ס, מִיט מַיין בָּארְד, פֵּיאוֹת אוּן קַאפְּל**".

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַז פוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן דֶעם נֵייעֶם גִּלּוּי: "**אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט**", הָאט עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, פוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען מֶער צוּ לֶערְנֶען אוּן מֶער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וִויל מַאכְן 'אַ גַאנְצְן טָאג' הִתְבּוֹדְדוּת אוּן וֶועגְן דֶעם רֶעדְט עֶר 'גָארְנִישְׁט' צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט: גֵיי 'אַבִּיסְל' אַרוּם דַיין הוֹיז, זָאג אַרוֹיס 'אַפָּאר וֶוערְטֶער' צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל זַיין אַ אִיד", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זַיין פְרֵיילִיךְ", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם עֶס גֵייט אוֹיף מִיר אַרִיבֶּער דָאס אוּן דָאס". אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן.

(אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, דְבָרִים תשפ"ב)

# מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

## שַׁבָּת חֲזוֹן

דֶער שַׁבָּת פַאר תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "שַׁבָּת חֲזוֹן". אִין סֵפֶר 'שַׁעַר הַמֶּלֶךְ' וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז "חֲזוֹן" אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת חַ'צִי זַ'עַם וְ'חַצִי נֶ'חָמָה. דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ פוּן אֵיין זַייט אִיז עֶס טַאקֶע אַ טְרוֹיעֶרִיגֶע צַייט, מֶען טְרוֹיעֶרְט אוֹיפְ'ן חוּרְבַּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אִיז אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אוֹיךְ דָא אַ נֶחָמָה, אַ טְרֵייסְט, אַז דִי טֶעג וֶועלְן נָאךְ וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ פְרֵיילִיכֶע טֶעג. וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בְּקָרוֹב, וֶועלְן דִי טֶעג וֶוערְן אַ יוֹם טוֹב.

חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן (מַכּוֹת כ"ד) אַז וֶוען דִי חֲכָמִים הָאבְּן גֶעזֶען דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע חוּרְבָּן אוֹיפְ'ן הַר הַבַּיִת הָאבְּן זֵיי גֶעוֵויינְט אוּן גֶעקְלָאגְט. רֶבִּי עֲקִיבָא - וָואס אִיז אוֹיךְ דָארְט גֶעוֶוען - הָאט אָבֶּער גֶעלַאכְט. הָאבְּן אִים דִי חֲכָמִים גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס

<<<<<<

# א גוט ווארט

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קכ): "אֵין רָעָה גְּדוֹלָה מִנְּפִילָה", נִישְׁטָא קַיין שְׁלֶעכְטֶערֶע זַאךְ וִוי אוֹיפְגֶעבְּן, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה מד:) "תְּחִילַּת נִיסָה מַפָּלָה", "תְּחִילַּת מַפָּלָה נִיסָה", דָאס אוֹיפְגֶעבְּן, דָאס אַנְטְלוֹיפְן אִינְמִיטְן אַ מִלְחָמָה – דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע דוּרְכְּפַאל, אוּן דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּנְז אַזוֹיפִיל מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיר זָאלְן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, אֲפִילוּ וֶוען מֶען זֶעט וִוי מֶען טַאפְּט אִין דִי טוּנְקְלְקֵייט אַ וַואנְט, מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ וִוי דֶער אַרְגְסְטֶער מַאן, אוּן מֶען הָאט כָּל מִינֵי רְאַיוֹת אַז מֶען אִיז אַ דוּרְכְּפַאל, זָאל מֶען וַוייטֶער בֶּענְקֶען צוּ זַיין אַ צַדִּיק, אוּן וַוייטֶער וֶועלְן זַיין גוּט, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ שְׁוֶוערֶע יָאר אִיז אַרִיבֶּער בִּכְלָלִיוּת אוֹיף דִי וֶועלְט, וּבִפְרָטִיוּת אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אָבֶּער וֶוען מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ אַז מֶען פָארְט שׁוֹין כִּמְעַט צוּם רֶבִּי'ן, מֶען פָארְט קַיין אוּמַאן אוּן דָארְט וֶועט מֶען אִיבֶּערְלָאזְן דִי פֶּעקְלֶעךְ צָרוֹת – וֶוערְט פְרֵיילִיךְ אִין הַארְץ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה דְבָרִים תשפ"ה)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# לַיידְן אַבִּיסְל, לַיידְן אַסַאךְ:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ד' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אוֹיף דִי וֶועלְט דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, יֶעדֶער אֵיינֶער גֵייט אַרִיבֶּער וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער, מֶען דַארְף אַייזֶערְנֶע גֶעדוּלְד נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְּן, נִישְׁט וֶוערְן אוֹיפְגֶערֶעגְט וְכוּ' וְכוּ'. דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד אוּן זַיין מַאמֶע דִי צַדֶיקֶת פֵיגָא הָאט גֶעקֶעמְט זַיינֶע הָאר, עֶס הָאט אִים וֵויי גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶעוָואלְט שְׁרֵייעֶן אַזוֹי וִוי דִי סֵדֶר בַּיי קִינְדֶער וָואס שְׁרֵייעֶן אוּן וֵויינֶען וֶוען מֶען קֶעמְט זֵיי דִי הָאר, דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעשְׁרִיגְן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין דֶעמָאלְט פַארְשְׁטַאנֶען אַז אוֹיף דִי וֶועלְט דַארְף מֶען לַיידְן".

אַז דוּ וֶועסְט אַרַיינְנֶעמֶען אֱמוּנָה אִין דִיר וֶועט דִיר אַלֶעס גֵיין גְרִינְגֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קצד): "אַחַר כָּל הַיִּסּוּרִים, אַף עַל פִּי כֵן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מֵטִיב עִמָּנוּ", נָאךְ אַלֶע יִסוּרִים וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיפְן מֶענְטְשׁ גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן, "רַק שֶׁאֵין אָנוּ רוֹצִים לְהַקְטִין אֶת הַיִּסּוּרִים", נָאר דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין וִויל זִיךְ נִישְׁט גְרִינְגֶער מַאכְן מִיטְן אוֹיפְזוּכְן דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים. אֲפִילוּ מֶען גֵייט אַרִיבֶּער בֶּאֱמֶת שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע יִסוּרִים, "אֲבָל נֶגֶד דְּבֵקוּת אֶחָד לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מַה שֶּׁזּוֹכִין לְאֵיזֶה בְּחִינָה שֶׁל דְּבֵקוּת בְּמַחֲשָׁבָה אוֹ בִּבְחִינָה אַחֶרֶת", אָבֶער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט נֶענְטֶער דוּרְכְדֶעם צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הוֹיבְּט אָן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "כָּל הַיִּסּוּרִים אֵינָם כְּלוּם נֶגֶד זֶה", אִיז אַלֶע יִסוּרִים גָארְנִישְׁט אַנְטְקֶעגְן דֶעם, "וְעַל יָדָם בְּעַצְמָם מִתְקָרְבִים וּמִתְדַּבְּקִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ", וַוייל דוּרְכְדֶעם וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "כִּי נוֹטְלִין מִמֶּנִּי הַבְּרִיאוּת גּוּפִי, מִי נוֹטֵל מִמֶּנִּי הַבְּרִיאוּת, הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אִם כֵּן אֲנִי נִדְבָּק בּוֹ יִתְבָּרַךְ", מֶען הוֹיבְּט אָן פַארְשְׁטֵיין 'וֶוער מַאכְט מִיר דִי אַלֶע וֵוייטָאג? וֶוער נֶעמְט מִיר אַוֶועק מַיין גֶעזוּנְט? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין בְּרֶענְגְט מִיר דָאךְ דִי יִסוּרִים, אוֹיבּ אַזוֹי וֶוער אִיךְ נֶענְטֶער צוּ אִים'. "וְכֵן כְּשֶׁלּוֹקֵחַ חַס וְשָׁלוֹם, אֵיזֶה בֵּן, מִי לוֹקֵחַ, הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אִם כֵּן אַדְּרַבָּא עַתָּה הוּא סָמוּךְ יוֹתֵר אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, כִּי בָּעוֹלָם הַבָּא סְמוּכִין יוֹתֵר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען פַארְלִירְט אַ קִינְד אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן פַארְשְׁטֵיין 'וֶוער הָאט דָאס מִיר אַוֶועק גֶענוּמֶען? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוֹיבּ אַזוֹי וֶוער אִיךְ דָאךְ נֶענְטֶער צוּ אִים', עַיֵּין שָׁם.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דֶער וָואס וִויל נִישְׁט לַיידְן אַבִּיסְל - לַיידְט אַסַאךְ, אוּן דֶער וָואס בֵּייגְט אַיין דֶעם קָאפּ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז גְרֵייט צוּ לַיידְן דָאס בִּיסְל, אוּן אַז מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים אִיז עֶר דָאס מְקַבֵּל בְּאַהֲבָה - לַיידְט מֶען נִישְׁט.

אִיךְ וִויל דִיךְ נָאכְאַמָאל מְחַזֵּק זַיין זָאלְסְט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען גְמָרָא. לֶערְן אַ בְּלַאט גְמָרָא, אַז דוּ קֶענְסְט גֵיין מִיטְן טֶעגְלִיכְן בְּלַאט - אִיז גוּט, אוּן אַז דוּ פַאלְסְט אַרוֹיס אוּן דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דוּ קֶענְסְט נִישְׁט גֵיין דִי וֶועג מִיט גֵיין יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט - זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן דַיין אֵייגֶענֶע סֵדֶר אִין שַׁ"ס; הוֹיבּ אָן מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת, לֶערְן אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט יֶעדְן טָאג, דָאס וֶועט מְכַפֵּר זַיין אוֹיף אַלֶע דַיינֶע חֲטָאִים.

הַיינְט אִיז דִי יָארְצַייט פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי בֶּנְצִיוֹן פוּן בָּאבּוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים: "אוֹיבּ וֶועל אִיךְ עֶנְק זָאגְן צוּ פַאסְטְן אוּן צוּ מַאכְן סִיגוּפִים, עֲבוֹדוֹת קָשׁוֹת - וָואלְט אִיר מִיךְ גֶעגְלֵייבְּט אַז דָאס אִיז מְתַקֵּן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע חֲטָאִים, אוּן אַז אִיךְ זָאג עֶנְק אִיר זָאלְט לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא - דָאס גְלֵייבְּט אִיר נִישְׁט אַז דָאס אִיז מְתַקֵּן דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס זֶעט אוֹיס צוּ פָּשׁוּט"; עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז נָאךְ מֶער מְתַקֵּן פוּן אַלֶע סִיגוּפִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה דְּבָרִים תשפ"ה)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּפִלָּה

**פ. מִי שֶׁמִּתְפַּלֵּל עַל הַחֻרְבָּן, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לְהִתְפַּלֵּל בְּלֵב וְגוּף. וֶוער עֶס בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען דַאוְוענֶען מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ אוּן מִיטְ'ן גַאנְצְן קֶערְפֶּער.**

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

לַאכְסְטוּ?", הָאט רֶבִּי עֲקִיבָא גֶעזָאגְט: "אַזוֹי וִוי אִיךְ זֶע אַז דִי עֶרְשְׁטֶע חֵלֶק פוּן דִי נְבוּאָה אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק מְקוּיָּם גֶעוָוארְן, אַז דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן, גְלֵייבּ אִיךְ אַז דִי צְוֵוייטֶע הֶעלְפְט נְבוּאָה וֶועט אוֹיךְ מְקוּיָּם וֶוערְן, אַז מִיר וֶועלְן נָאךְ אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן גָלוּת, אוּן דִי אִידְן וֶועלְן נָאךְ אוֹיפְגֶערָאכְטְן וֶוערְן".

דִי צַדִיקִים קוּקְן אוֹיף דִי פְּנִימִיּוּת פוּן יֶעדֶע זַאךְ, אֲפִילוּ יֶעצְט זֶעט אַלֶעס אוֹיס אַזוֹי שְׁוֶוער אוּן בִּיטֶער, וֶועלְן דִי טֶעג אָבֶער צוּם סוֹף אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט וֶוערְן צוּ יָמִים טוֹבִים, אוּן מִיר וֶועלְן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן.

דֶערְפַאר וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תקנ"ב) אַז מֶען זָאגְט נִישְׁט קַיין תַּחֲנוּן תִּשְׁעָה בְּאָב וַוייל תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "מוֹעֵד" - אַ יוֹם טוֹב. שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ פְרַאגֶע, אִיז עֶס דֶען אַ יוֹם טוֹב? פוּנְקְט פַארְקֶערְט, מֶען טְרוֹיעֶרְט דָאךְ אִין תִּשְׁעָה בְּאָב, מֶען טוּט אַלֶע הֲלָכוֹת פוּן אֲבֵילוּת אִין תִּשְׁעָה בְּאָב, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען עֶס אָנְרוּפְן אַ יוֹם טוֹב?

נָאר דֶער אֱמֶת אִיז אַז בִּפְנִימִיּוּת זֶענֶען דִי טֶעג פְרֵיילִיכֶע טֶעג, וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען לֵיינֶען דִי מְגִילַת אֵיכָה מִיט אַ נִיגוּן פְרֵיילִיכֶערְהֵייט, אַזוֹי וִוי מֶען לֵיינְט פּוּרִים דִי מְגִילַת אֶסְתֵּר פְרֵיילִיכֶערְהֵייט. אוּן אֲפִילוּ יֶעצְט זֶענֶען מִיר נָאךְ אִין גָלוּת, אוּן מֶען דַארְף טְרוֹיעֶרְן אוּן זִיךְ פִירְן מִיט אֲבֵילוּת, טָאר מֶען אָבֶער נִישְׁט מֵסִיחַ דַעַת זַיין פוּן דִי גְאוּלָה הָעֲתִידָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז נָאךְ אוֹיסְלֵייזְן בְּקָרוֹב.

בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִּירְט מֶען זִיךְ צוּ לֵיינֶען דִי מְגִילַת אֵיכָה אוֹיךְ בַּייטָאג. וַוייל וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען דָאךְ לֵיינֶען דִי מְגִילַת אֵיכָה מִיט אַ פְרֵיילִיכְן נִיגוּן מִיט אַ "שֶׁהֶחֱיָינוּ" אַז מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן אִין אַזַא שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע גָלוּת, אוּן מֶען וֶועט עֶס אַוַודַאי לֵיינֶען סֵיי בַּיינַאכְט אוּן סֵיי בַּייטָאג אַזוֹי וִוי דִי מְגִילַת אֶסְתֵּר, דֶערְפַאר לֵיינְט מֶען עֶס אוֹיךְ הַיינְט סֵיי בַּיינַאכְט אוּן סֵיי בַּייטָאג.

עֶס גֵייט אַזוֹי וַוייט אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צַדִיקִים אוּן יְחִידֵי סְגוּלָה וָואס אִין מוֹצָאֵי שַׁבָּת חֲזוֹן הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעזָאגְט "וְאַתָּה קָדוֹשׁ", אַזוֹי וִוי מֶען פִירְט זִיךְ אַז וֶוען עֶס גֶעפַאלְט אַ יוֹם טוֹב אִינְמִיטְן דִי וָואךְ זָאגְט מֶען נִישְׁט "וְאַתָּה קָדוֹשׁ". וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז זִיכֶער אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט דָאךְ תִּשְׁעָה בְּאָב זַיין אַ יוֹם טוֹב. אָבֶער וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען תִּשְׁעָה בְּאָב בַּיינַאכְט אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז מֶען אִיז לֵיידֶער נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן, הָאבְּן זֵיי דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט "וְאַתָּה קָדוֹשׁ", צוּ מַשְׁלִים זַיין דָאס וָואס מֶען הָאט אוֹיסְגֶעלָאזְט מוֹצָאֵי שַׁבָּת.

### דִי אֵייגֶענֶע חוּרְבָּן

וֶוען מֶען זָאגְט מְגִילַת אֵיכָה דַארְף מֶען אוֹיסְטַייטְשְׁן דִי פְּסוּקִים אוֹיף זִיךְ אַלֵיין. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ק"א) אַז וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִּים, תְּחִינוֹת, אָדֶער תִּיקוּן חֲצוֹת זָאל מֶען אוֹיסְטַייטְשְׁן אַלֶע פְּסוּקִים אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, דִי אַלֶע מִלְחָמוֹת וָואס שְׁטֵייט אִין תְּהִלִּים, דִי אַלֶע שׂוֹנְאִים וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ רֶעדְט זִיךְ אָפּ וֶועגְן זֵיי אִין תְּהִלִּים, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע מִלְחָמוֹת וָואס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט מִיט זַיין יֵצֶר הָרַע, וָואס עֶר אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער פַּיינְט פוּן אַ מֶענְטְשׁ, עֶר וִויל נָאר הַרְגְ'עֶנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אוּן אוֹיף דֶעם בֶּעט מֶען אִין תְּהִלִּים אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז רַאטֶעוֶוען פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט מְגִילַת אֵיכָה. מֶען דַארְף בְּעִיקָר טְרוֹיעֶרְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע חוּרְבָּן אַז מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וָואס דוּרְךְ דֶעם הַאלְט מֶען צוּרִיק דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ פוּן וֶוערְן אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט, יֶעדֶער אִיד דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז פוּן זַיין זַייט זָאל עֶר נִישְׁט שְׁטֶערְן דָאס אוֹיפְבּוֹי פוּנֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אַז זַיינֶע מַעֲשִׂים זָאלְן נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן דִי גְאוּלָה אוּן דֶעם בִּנְיָן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בִּמְהֵרָה.

### קִידּוּשׁ לְבָנָה

מוֹצָאֵי תִּשְׁעָה בְּאָב פִּירְט מֶען זִיךְ אַז מֶען אִיז מְקַדֵּשׁ דִי לְבָנָה.

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ שְׁרַייבְּט אוֹיף דֶעם (פְּרִי עֵץ חַיִּים, אַחֵר סוֹד כַּוָּנַת ת"ב) אַז דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ מְקַדֵּשׁ זַיין דִי לְבָנָה מוֹצָאֵי תִּשְׁעָה בְּאָב.

דֶער עִנְיָן דֶערְפוּן אִיז, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט בַּיי דִי לְבָנָה אַז דַוְקָא וֶוען זִי וֶוערְט שׁוֹין זֵייעֶר קְלֵיין בִּיז מֶען זֶעט עֶס שׁוֹין אִינְגַאנְצְן נִישְׁט, דַוְקָא דֶעמָאלְט טוּט זִי זִיךְ בַּאנֵייעֶן, אוּן הֵייבְּט אָן צוּ וֶוערְן צוּרִיק גְרֶעסֶער.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ יֶעצְט, דַוְקָא נָאךְ תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוען מֶען הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעטְרוֹיעֶרְט אוֹיפְן חוּרְבָּן, דֶעמָאלְט אִיז דִי צַייט זִיךְ צוּרִיק אוֹיפְצוּהֵייבְּן אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְּרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ. אוּן דֶערְפַאר אִיז מוֹצָאֵי תִּשְׁעָה בְּאָב דִי פַּאסִיגְסְטֶע צַייט צוּ מְחַדֵּשׁ זַיין דִי לְבָנָה.

אִין דִי פּוֹסְקִים וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט, אַז פַאר מֶען אִיז מְחַדֵּשׁ דִי לְבָנָה זָאל מֶען קוֹדֶם אוֹיסְפַאסְטְן, עֶסְן עֶפֶּעס, אוּן אָנְטוּן צוּרִיק דִי שִׁיךְ, אוּן וֶוער עֶס קֶען גֵייט אוֹיךְ אִין מִקְוֶה, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז מֶען מְחַדֵּשׁ דִי לְבָנָה פְּרֵיילִיכֶערְהֵייט, אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת, וָואס דֶעמָאלְט וֶועט זַיין וְהָיָה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה, דִי לְבָנָה וֶועט שַׁיינֶען אַזוֹי וִוי דִי זוּן, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק א' וְחֵלֶק י' עֶרֶךְ תִּשְׁעָה בְּאָב, וְחֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ בֵּין הַמְּצָרִים)

## לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן רֶבִּי'ן (רטז)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: גְלַייךְ נָאךְ סוּכּוֹת לָאזְט זִיךְ דֶער רֶבִּי אַרוֹיס אוֹיפְ'ן וֶועג קַיין לֶעמְבֶּערְג, רֶבִּי נָתָן פָּארְט נָאךְ אַבִּיסְל שְׁפֶּעטֶער מִיט אַ וָואגְן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ**

פַאר רֶבִּי נָתָן הָאט זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן דִי גַאנְצֶע זַאךְ, עֶר הָאט גֶעהַאט גָאר גְרוֹיס צַעַר, עֶר הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעגְלוּסְט אֶפְשָׁר וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נָאכְאַמָאל דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר הֶערְן נָאךְ אַ דִיבּוּר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זַיין הַארְץ הָאט גֶעבְּרֶענְט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט אוּנְטֶערְצוּיָאגְן דִי וֶועגֶענֶער אַז מֶען זָאל שׁוֹין אַרוֹיסְפָארְן, בִּיז זֵיי הָאבְּן עֶנְדְלִיךְ אַרוֹיסְגֶעפָארְן, זֵיי הָאבְּן אָבֶּער נִישְׁט דֶערְגְרַייכְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִינְמִיטְן דִי גְרוֹיסֶע בֶּהָלָה, הָאט רֶבִּי נָתָן פַארְגֶעסְן זַיין קֶעסְטְל מִיט הֶעפְטְן אוּן שְׁרִיפְטְן אוֹיפְ'ן וֶועג אִינֶעם דֶערְפְל פִּיטְשֶׁערֶע, עֶר הָאט גֶעמוּזְט נָאכְשִׁיקְן אֵיינֶעם עֶס צוּ בְּרֶענְגֶען, אוּן יֶענֶער הָאט עֶס אִים גֶעבְּרֶענְגְט.

דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען אַ פְּלַאץ וואוּ דִי וֶועגֶענֶער שְׁטֶעלְן זִיךְ אָפְּרוּעֶן, אוּן דָארְט הָאבְּן זֵיי בַּאגֶעגְנְט דֶעם רֶבִּי'ן, רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט גָארְנִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט אִים.

וִוי נָאר זֵייעֶר וָואגְן הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֶעבְּן שְׁטְרוֹי פַאר דִי פֶערְד, אִיז שׁוֹין דֶער רֶבִּי גְלַייךְ אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן דָארְט, וַוייל דֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען דָארְט הִיבְּשׁ פְרִיעֶר.

דֶערְנָאךְ הָאבְּן אַלֶע וֶועגֶענֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פָארְן וַוייטֶער, זֵיי הָאבְּן פְּרוּבִּירְט אָנְצוּקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דֶערְוַוייל הָאט שׁוֹין דִי זוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אוּנְטֶערְגֵיין, דִי נַאכְט פַאלְט צוּ, דִי וֶועגְן זֶענֶען בְּלָאטֶעדִיג, דִי וֶועגֶענֶער שְׁלֶעפְּן זִיךְ זֵייעֶר לַאנְגְזַאם, אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַז אֶפְשָׁר הָאט אִיז דֶער רֶבִּי צוּגֶעפָארְן שְׁטִילֶערְהֵייט צוּ אַן אַכְסַנְיָא, עֶר בַּאהַאלְט זִיךְ עֶרְגֶעץ אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט אֲפִילוּ נִישְׁט וואוּ עֶר אִיז, אַזוֹי וִוי דֶער שְׁטֵייגֶער פְלֶעגְט זַיין פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן אַזוֹי אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען זֵייעֶר פַארְקְלֶערְט צִי עֶר וֶועט נָאךְ בִּכְלַל קֶענֶען הַיינְט טְרֶעפְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וַוייל עֶס אִיז גָאר מֶעגְלִיךְ

<<<<<<

### שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# עֶסְן פְלֵייש נָאכְ'ן זָאגְן אַ מַסֶכְתָּא גְמָרָא?

**שְׁאֵלָה:**

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִין זְכוּת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוּן אִין זְכוּת פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּהוֹיבְּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

וֶוער עֶס הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט דֶעם גֶעשְׁמַאקְן טַעַם, אִיז בִּכְלַל נִישְׁטָא וָואס צוּ רֶעדְן מִיט אִים. אֵיידֶער מְ'הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד זֶעט עֶס אוֹיס וִוי אַ קִינְדֶער שְׁפִּיל, וֶוען מְ'הוֹיבְּט אָבֶּער אָן צוּ לֶערְנֶען אוֹיף דֶעם וֶועג, הוֹיבְּט מֶען פְּלוּצְלִינְג אָן צוּ שְׁפִּירְן דִי זִיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מְ'שְׁפִּירְט אַ נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מְ'בַּאקוּמְט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אַהֲבַת ה'. אוּן נָאכְדֶעם אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא וָואס זִיךְ צוּ טַעֲנֶה'ן אִיבֶּער דֶעם בִּכְלַל.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ מְ'עֶנְדִיגְט אַ מַסֶכְתָּא אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, אוּן מְ'הָאט פַארְשְׁטַאנֶען נָאר פוּפְצִיג פְּרָאצֶענְט פוּן דִי גְמָרָא, וֶוערְט דָאס גֶערֶעכְנְט פַאר אַ גֶעהֶערִיגֶע סִיוּם אַז מְ'זָאל קֶענֶען דֶערְמִיט עֶסְן פְלֵייש אִין דִי נַיין טֶעג. אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען אַן עֶנְטְפֶער, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן אַלֶעס גוּטְס אִין לֶעבְּן.

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס**

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אַז מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי דוּ שְׁרַייבְּסְט, בֶּעפָאר מֶען הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד (הַמְּבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) זֶעט אוֹיס דָאס זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא פַארְ'ן מֶענְטְשׁ וִוי אַ 'קִינְדֶער שְׁפִּיל', אָבֶּער אֵיינְמָאל מֶען הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען אוֹיף דֶעם וֶועג וֶוערְט מַמָּשׁ בִּיטּוּל הַבְּחִירָה; מֶען וֶוערְט צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דִי תּוֹרָה, מֶען בַּאקוּמְט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אַהֲבַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רס): "וֶוער עֶס הָאט טוֹעֵם גֶעוֶוען פוּן דִי אוּנְגַארִישֶׁע וַויין– דֶעם קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט אָפְּנַארְן"; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַז וִוי נָאר מֶען הֵייבְּט אָן טוֹעֵם זַיין פוּן דֶעם סֵדֶר אִין לֶערְנֶען; מֶען הֵייבְּט אָן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן, אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בְּלִימוּד גְמָרָא, מֶען הֵייבְּט אָן גוֹרֵס זַיין בְּלֶעטֶער גְמָרָא - דֶעם מֶענְטְשׁ קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט אָפְּנַארְן נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט שׁוֹין פַארְזוּכְט פוּנֶעם יַיִן הַמְשׁוּמָר, אַזַא מֶענְטְשׁ דַארְף שׁוֹין נִישְׁט קַיין רְאָיוֹת אוּן הוֹכָחוֹת צִי דָאס הֵייסְט יָא גֶעלֶערְנְט אָדֶער נִישְׁט; צִי עֶס אִיז יָא דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ אָדֶער נִישְׁט, דֶעם מֶענְטְשׁ אִינְטֶערֶעסִירְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט, עֶר וִויל לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה.

אוֹיף דַיין שְׁאֵלָה צִי מֶען קֶען מַאכְן אַ סִיוּם אִין דִי נַיין טֶעג אוּן עֶסְן פְלֵייש אוֹיבּ מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, מֶען הָאט גוֹרֵס גֶעוֶוען גְמָרָא אוּן פַארְשְׁטַאנֶען נָאר פוּפְצִיג פְּרָאצֶענְט; אַוַדַאי הֵייסְט דָאס אַ סִיוּם אוּן אַוַדַאי הֵייסְט דָאס גֶעלֶערְנְט, אָבֶּער עֶסְן פְלֵייש אִין דִי נַיין טֶעג אִיז נִישְׁט כְּדַאי, אֲפִילוּ וֶוען מֶען אִיז מְסַיֵּים אַ מַסֶכְתָּא אוּן מֶען פַארְשְׁטֵייט דָאס הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט. מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זָאגְן: "כְּדַאי הוּא בֵּית אֱלֹקֵינוּ נִישְׁט צוּ עֶסְן קַיין פְלֵייש אִין דִי נַיין טֶעג"; אָבֶּער מֶען קֶען דָאס נוּצְן פַאר אַ סִיוּם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אַלֶע הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין אַרוֹיס גֵיין פוּן אוּנְזֶער גָלוּת בִּכְלָלִיּוּת, וּבִפְרָטִיּוּת - יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן זַיין פְּרִיוַואטֶע גָלוּת אוּן מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצְן טָאג. דֶעמָאלְט וֶועט זַיין: "כְּאִילוּ נִבְנֶה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ", אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לג.): "כָּל אָדָם שֶׁיֵּשׁ בּוֹ דֵעָה כְּאִילוּ נִבְנָה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בְּיָמָיו"; אָמֵן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פִּנְחָס תשע"ט)

<<<<<< לעבנ'ס געשיכטע פון רבי'ן

אַז מָארְגְן וֶועט דֶער רֶבִּי שׁוֹין פָארְן וַוייטֶער קַיין לֶעמְבֶּערְג אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען דֶעם רֶבִּי"ן.

**תשכט**

שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט זֶענֶען אַלֶע וֶועגֶענֶער מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אָנְגֶעקוּמֶען קַיין קְרָאסְנִי, זֵיי זֶענֶען גְלַייךְ גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן וואוּ דֶער רֶבִּי שְׁטֵייט אַיין, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ דָארְט בִּכְלַל נִישְׁט בַּאהַאלְטְן, דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט הָאט גֶעוואוּסְט פוּן רֶבִּי"ן, אוּן רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן.

אִין אָנְהוֹיבּ הָאט דֶער רֶבִּי בִּכְלַל נִישְׁט מְקָרֵב גֶעוֶוען רֶבִּי נָתָנְ'ן, נָאכְ'ן עֶסְן נַאכְטְמָאל אִיז רֶבִּי נָתָן אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן אִין צִימֶער, צוּזַאמֶען מִיט נָאךְ עֶטְלִיכֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ רֶבִּי נָתָן, "פַארְוָואס בִּיזְטוּ אַזוֹי מָרָה שְׁחוֹרָה? הָאסְט אֶפְשָׁר חֲרָטָה אוֹיף דֶעם וָואס דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן?", רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט אִינְגַאנְצְן פַארְשֶׁעמְט, אוּן עֶר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט, "נֵיין", וִוי צוּ זָאגְן אַז עֶר הָאט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט חֲרָטָה אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "דֶעמָאלְט פַארְוָואס בִּיסְטוּ טְרוֹיעֶרִיג?", הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט, "אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אוֹיבּ וִוילְסְטוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, פַארְוָואס דַארְפְסְטוּ זִיךְ זָארְגְן? דִי גַאנְצֶע וֶועלְט הָארֶעוֶועט דָאךְ פַאר דִיר, דֶער פָּארְט קַיין בְּרֶעסְלָא [אַ שְׁטָאט אִין דֵייטְשְׁלַאנְד], דֶער פָּארְט דָא, אַלֶעס נָאר פַאר דִיר".

מִיט דִי וֶוערְטֶער הָאט דֶער רֶבִּי גָאר שְׁטַארְק מְחַיֶּ' גֶעוֶוען רֶבִּי נָתָנְ'ן, דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען דָאךְ אַ מוֹרָא'דִיגֶע טִיפֶע שֵׂכֶל, עָמוֹק עָמוֹק מִי יִמְצָאֶנּוּ, דָאס אִיז דָאךְ דִי שֵׂכֶל פוּן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ, דוּ בִּיסְט דֶער עִיקָר פוּן דִי וֶועלְט, אוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַרְבֶּעט אוּן הָארֶעוֶועט נָאר פַאר דִיר, עֶר פָּארְט אַהֶער אוּן דֶער פָּארְט אַהִין, אַלֶעס אִיז נָאר וֶועגְן דִיר.

דֶעמָאלְט אִיז שׁוֹין רֶבִּי נָתָן אַבִּיסְל גֶעקוּמֶען צוּ זִיךְ אוּן זִיךְ גֶעקֶענְט עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל, עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן, "אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ וֶועל אַייךְ שׁוֹין נִישְׁט זֶען הַיינְט, אוּן אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אַייךְ צוּ זֶען אוּן צוּ רֶעדְן מִיט אַייךְ", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט, "מִיר דַארְפְן זִיךְ נָאךְ זֶען, אוּן מִיר וֶועלְן זִיךְ נָאךְ זֶען, אוּן זֶען, אוּן זֶען", דֶער רֶבִּי הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט אַסַאךְ מָאל אַז עֶר וֶועט זִיךְ נָאךְ זֶען מִיט רֶבִּי נָתָן, עֶר הָאט אִים צוּגֶעזָאגְט אוֹיף שְׁפֶּעטֶער אַז עֶר וֶועט זִיךְ נָאךְ זֶען מִיט אִים פָּנִים אוּן פָּנִים אַסַאךְ מָאל אוֹיף אֵייבִּיג, לְעוֹלְמֵי עַד וּלְנֵצַח נְצָחִים.

רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט, "אִין יֶענֶע צַייט בִּין אִיךְ שׁוֹין גֶעפָארְן נָאךְ יוֹם כִּיפּוּר קַיין מָאהְלוּב, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ וֶועל מֶער נִישְׁט זֶען דֶעם רֶבִּי"ן, דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי"ן אוּן שְׁרַייבְּן בַּיי אִים דֶעם פָארְכְטִיגְן סֵפֶר, דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן פוּן רֶבִּי"ן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט, אוּן צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי"ן אוֹיף גַאנְץ סוּכּוֹת, שְׁמִינִי עֲצֶרֶת, אוּן שִׂמְחַת תּוֹרָה, דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ וֶועל שׁוֹין נִישְׁט טְרֶעפְן דֶעם רֶבִּי"ן יֶענֶעם טָאג, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ אִים אוֹיךְ גֶעקֶענְט בַּאגְלֵייטְן, אוּן דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ דִי גַאנְצֶע צַייט גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ וֶועל אִים מֶער נִישְׁט זֶען, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַזוֹיפִיל מָאל אַז אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט זֶען דֶעם רֶבִּי"ן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל פוּן פְרִישׁ, אוּן דֶער רֶבִּי מִיט זַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת הָאט מִיר נָאךְ צוּגֶעזָאגְט אוֹיף שְׁפֶּעטֶער אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ זֶען אוּן זֶען נָאךְ אַסַאךְ מָאל".

אֵיינְמָאל וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט פוּן דֶעם, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, "אָט אַזוֹי גֵייט דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ, דִי עֶרְשְׁטֶע טְרִיט וָואס מֶען טוּט, זֶעט מֶען, אוּן מֶער נִישְׁט". אוּן דָאס גֵייט וַוייטֶער אַזוֹי בִּיזְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג, וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ בַּאדִינֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן, זֶעט נָאר דֶעם עֶרְשְׁטְן טְרִיט אוּן נִישְׁט מֶער. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין מְשַׁמֵּשׁ צוּ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן אוֹיף אֵייבִּיג.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# "נסיעה טרעוול" שטעלט צו געשמאקע רייזע קיין אומאן

נאך פילע שווערע הארוואניע וואס נסיעה טרעוול האט אריינגעלייגט פאר לאנגע חדשים צו קענען צושטעלן א באקוועמע געשמאקע רייזע פאר אנשי שלומינו קיין אומאן ראש השנה, און בעיקר דאס וואס דער ראש ישיבה שליט"א זאגט כסדר אז מען זאל פרובירן צו פארן מיט א גרופע אנשי שלומינו, נישט פארן אליין, וואס דאס איז בעסער סיי בגשמיות און סיי ברוחניות. פילע אפציעס זענען ארויף אויפ'ן טיש און זענען אראפ פון טיש, מען האט געוואויגן און געמאסטן וואס קען זיין די בעסטע אויסוואל, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף האט נסיעה טרעוול באוויזן צוצושטעלן אויך דאס יאר א געשמאקע וועג וואס זאל זיין צוגענגליך פאר אנשי שלומינו, מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף.

עס וועט זיין אי"ה א טשארטער פליגער וואס וועט ארויספארן מיטוואך נצבים שפעט ביינאכט איינס אזייגער פון JFK לופטפעלד, און וועט פליען קיין ריישא, פוילן, וואו מען וועט לאנדען אי"ה דאנערשטאג נאכמיטאג אום דריי אזייגער. פון דארט וועט אי"ה זיין א נסיעה טשארטער באן וואס וועט טראגן דעם עולם קיין אומאן, וואו מען וועט אנגעקומען פרייטאג אינדערפרי בעז"ה.

די טשארטער נסיעה וועט אי"ה אהיימפארן פון פוילן אום צום גדלי', און לאנדען אין ניו יארק אום דאנערשטאג ווילך צום גדלי'.

די פרייז פאר די פולע נסיעה פעקעדש, וואס רעכנט אריין דעם פליגער און די באן מיט צידה לדרך, איז $2,395. אויב נעמט מען נאר דעם טיקעט אויפ'ן פליגער איז די פרייז $1,795, אויך איז דא אן אפציע צו נעמען נאר דעם נסיעה טשארטער באן צו און פון אומאן, ווי אויך האט נסיעה טרעוול נאך פילע וועגן צו פארן צום הייליגן רבי'ן, מיט פארשידנארטיגע פרייזן און צייטן, וואס זאל זיין געאייגנט פאר יעדנ'ס געברויך. רופט נסיעה טרעוול אויף 845-444-8785

דער עיקר דארף מען געדענקען וואס דער ראש ישיבה שליט"א חזר'ט מיט אונז כסדר אז כדי אנצוקומען צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה דארף מען מאכן אסאך תפלה, מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן, און נאר אזוי קען מען איבערקומען אלע שוועריקייטן און זוכה זיין אנצוקומען צום הייליגן רבי'ן, און זוכה זיין צו די געוואלדיגע הבטחות וואס דער רבי האט צוגעזאגט פאר ווער עס קומט צו אים אויף ראש השנה.

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יחזקאל בריסק** הי"ו קרית יואל
צו די שידוך שליסן פון זיין זון למזל טוב
החתן **יוסי בריסק** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **יואל בער ווייזער** הי"ו מאנסי

***

מו"ה **אהרן דייטש** הי"ו לעיקוואד
צו די שידוך שליסן פון זיין זון למזל טוב
החתן **אליעזר דייטש** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **חיים דוד ראזענבערג** הי"ו קרית ברסלב

***

מו"ה **יצחק אייזיק קאהן** הי"ו קרית ברסלב
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **יוסף פריעדמאן** הי"ו קרית ברסלב
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **אברהם צוויבל** הי"ו קרית ברסלב
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **יעקב דוב כהן** הי"ו קרית יואל
צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למזל טוב
הבחור **דוד שמואל** נ"י


## תשעה באב

**דרשות, שיעורים, מגילת איכה, ספר ירמי', קמצא ובר קמצא, שיעורי הלכה, און נאך, צו הערן אום תשעה באב**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 9, 9**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**